בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

משפטים-שקלים
תשפ"ג
גליון 130



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

מִיר הַאלְטְן אַ שַׁבָּת נָאךְ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. פָאַרִיגֶע וָואךְ הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ תּוֹרָה. דִי וָואךְ אִיז דִי תּוֹרָה מַאֲרִיךְ וֶועגְן דֶער מַעֲמַד וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּארְג סִינָי.

עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: כֹּל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע (שמות כד, ז), דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפֶעדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט קוֹדֶם 'נַעֲשֶׂה' אוּן דֶערְנָאךְ 'וְנִשְׁמָע'. ר' נָתָן שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי דֶעם פָּסוּק מִיט אַ קֻשְׁיָה: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוּן עֶפֶּעס פַאר מֶער הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן? אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע זָאגְט פַאר זַיין קִינְד: "וִוילְסְט מִיר פָאלְגְן וָואס אִיךְ גֵיי דִיר יֶעצְט בֶּעטְן?" אוּן דָאס קִינְד זָאגְט: "יָא, אִיךְ גֵיי עֶס שׁוֹין מַאכְן", נָאךְ פַאר דָאס קִינְד וֵוייסְט בִּכְלַל וָואס עֶר דַארְף טוּן. וִויאַזוֹי קֶען דָאס זַיין? ר' נָתָן זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק לוֹיבְּט אוֹיס דִי אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעפֶעדֶערְט אוּן גְלַייךְ גֶעזָאגְט נַעֲשֶׂה פַאר נִשְׁמַע, אָבֶער וִויאַזוֹי קֶען זִיךְ אוֹיסְמָאלְן אִין שֵׂכֶל אַזַא זַאךְ? טוּן אַ זַאךְ פַאר מֶען הֶערְט וָואס מֶען דַארְף טוּן.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי וִוילְן נִישְׁט חוֹקֵר זַיין מִיט קַיין שׁוּם חֲקִירוֹת דִי טַעַם פוּן דִי מִצְוֹת. זֵיי דַארְפְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דָאס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זָאגְן וֶועלְן זַיין טוּן אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען, אָן קַיין שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, 'וְנִשְׁמָע', דָאס מֵיינְט אַז נָאכְן טוּן דִי מִצְוֹת בִּתְמִימוּת וֶועט מֶען שׁוֹין אוֹיךְ עֶס פַארְשְׁטֵיין מִיטְן הַאֶרֶץ! וִוי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט אַרָאפּ עֶטְלִיכֶע מָאל פוּן חֲזַ"ל אַז נִשְׁמַע מֵיינְט 'שׁוֹמֵעַ אֲנִי - אִיךְ פַארְשְׁטֵיי". אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: "וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט הֵייסְן וֶועלְן מִיר גְלַייךְ מַאכְן, שְׁפֶּעטֶער וְנִשְׁמָע, אַז מֶען וֶועט פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס מִצְוֹת אוּן מֶען וֶועט דָאס טוּן בְּשִׂמְחָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין - יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיינֶע דַּרְגוֹת צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי מִצְוֹת.

דֶערְפַאר הָאבְּן דִי אִידְן בַּאקוּמֶען צְוֵויי קְרוֹינֶען, וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ קְרוֹין אִיבֶּערְן קָאפּ! אַ קְרוֹין! דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּן אַ אִיד אוּן לְהַבְדִּיל אַ גוֹי, אַ גוֹי מוּז אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין מִיט זַיין שֵׂכֶל, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּט זֵיי, זֶענֶען זֵיי חוֹקֵר, זֵיי וִוילְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי מְגַלֶּה זַיין אַלֶע טְעָמִים פוּן דִי מִצְוֹת, וֶועלְן זֵיי אֶפְשָׁר דֶעמָאלְט אַיינְהַאלְטְן דִי מִצְוֹת. אָבֶער דִי אִידְן טוּעֶן אַלֶע מִצְוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה, וִוי ר' נָתָן שְׁרַייבְּט: 'זִיכֶער, אוֹיבּ דִי גוֹיִם וָואלְטְן גֶעזֶען דִי לִיכְטִיקֵייט פוּן דִי מִצְוֹת, וִוי יֶעדֶע מִצְוָה שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן אוּן דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע

המשך אויף זייט 4



# ר' ישראל קארדונער

## פארזעצונג #2

אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט טֶעג אוּן וָואכְן, וֶוען נִישְׁט זַיין טַאטֶע אוּן מִשְׁפָּחָה, קֵיינֶער אַרוּם אִים הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ לַאנְג מִיט מְסַדֵר זַיין דִי סְחוֹרוֹת אִין מַאגַאזִין ס'אִיז זֵיי גָארְנִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אִין לֶעצְטְן גֶעדַאנְק אַז ס'אִיז אִים אַזוֹי בִּיטֶער, אוּן עֶר וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער...

קֵיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט צוּם גְרוּנְד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז שׁוֹמֵעַ קוֹל בְּכִיּוֹת עֶר הֶערְט זִיךְ אַיין צוּ יֶעדֶע אִידִישֶׁע גֶעוֵויין הָאט זִיךְ דֶערְבַּארֶעמְט אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל, זַיין יְשׁוּעָה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט....

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג הָאט ר' יִשְׂרָאֵל גֶעזוּכְט עֶפֶּעס אִין דִי גְנִיזָה, וֶוען עֶר גְרַאבְּט אַזוֹי צְווִישְׁן דִי אַלְטֶע צֶערִיסֶענֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים הָאט עֶר גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס אַ קְלֵיין סֵפֶר אָן דֶעם שַׁעַר בְּלַאט, עֶס אִיז אִים גֶעוָוען אִינְטֶערֶעסַאנְט וָואס דֶער קְלֵיין סֵפֶר'ל אִיז, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּלֶעטֶערְן אוּן מְעַיֵּין זַיין אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעזֶעהְן דָארְטְן גֶעשְׁרִיבְּן **"הַבְטָחָה" וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן זָאגְן דָארְט דִי צֶעהְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וֶועל אִיךְ מִשְׁתַּדֵל מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיוֹת"......** דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעשַׁיינְט אַנְטְקֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט גֶעוָוארְן טִיף אִין זַיין הַארְץ, אֶפְשָׁר דָאס אִיז מַיין יְשׁוּעָה? אַ צַדִיק וָואס קֶען מִיר הֶעלְפְן אוּן מְתַקֵן זַיין? אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע הַבְטָחָה, וַוייל וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט אִיז דִי סֵפֶר גֶעוֶוען אָן קַיין שַׁעַר אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן וֶוער הָאט עֶס גֶעזָאגְט אָדֶער גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז קַיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אוֹיעֶר, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען נָאכְפָארְשְׁטְן אוּן זוּכְן וֶוער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַז דֶער סֵפֶר אִיז דֶער "תִּיקוּן הַכְּלָלִי" וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ל הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זָאגְן פַאר אַ תִּיקוּן...

אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוואוּסְט וָואס צוּ זוּכְן, הָאט עֶר גֶעפוּנֶען נָאךְ סְפָרִים, הֵיילִיגֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע חִזוּק אִין עֲבוֹדַת ה', סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר אִים אַזַא חִידוּשׁ עֶס הָאט אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אָנְגֶעפִילְט זַיין הַארְץ מִיט יִרְאַת ה', זַיין נְשָׁמָה הָאט זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעצִינְדְן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ וֶועג אִין לֶעבְּן, דָאס פוּנְקְט וָואס עֶר הָאט גֶעזוּכְט, כָּאטְשׁ זַיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן

רֶבִּי'ן וַוייל עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גְעוואוּסְט אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ... אַוואוּ גֶעפִינְט זִיךְ דֶער אָרְט כְּדֵי צוּ קֶענֶען קוּמֶען דָארְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל צוּ בַּאקוּמֶען זַיין תִּיקוּן. דֶערְוַוייל הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם אוּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי נַייֶע וֶועג וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט פַאר אִים.

וֶוען זַיין טַאטֶע אוּן דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן דִי פְרִישֶׁע נַייעֶס אַז ר' יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן זֵיי דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן, זַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים אַזַא גֶעלוּנְגֶענֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַזוֹי נַארִישׁ וֶוערְן? וָואס הָאט אִים גֶעפֶעלְט וָואס עֶר הָאט דָארְטְן גֶעטְרָאפְן? אִין דִי גֶעגְנְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִיז דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נִישְׁט גֶעוֶועזְן אַזוֹי בַּאוואוּסְט אוּן דִי הִתְנַגְּדוּת אִיז גֶעוֶועזְן גְרוֹיס, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן קַיין סַאךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים עֶס הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז ר' יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אַ מָאדְנֶע כַּת פוּן מִיסְטֶערִיעֶזֶע חֲסִידִים... דֶערִיבֶּער הָאבְּן




זֵיי זִיךְ אַלֶע צַאמְגֶענוּמֶען קֶעגְן אִים, שְׁטֶערְן זַיין וֶועג מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, ר' יִשְׂרָאֵל אִיז אַרִיבֶּער רְדִיפוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן פוּן זַיין נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן בַּאשְׁמוּצְט זַיין נָאמֶען, בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין אַ חָשׁוּבֶ'ר בַּעלְבַּתִּישֶׁער אִיד וָואס יֶעדֶער קוּקְט אִים אַרוֹיף פַאר זַיין קְלוּגְשַׁאפְט אוּן עֲשִׁירוּת, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶער פַארְשֶׁעמְטֶער מֶענְטְשׁ, וָואס יֶעדֶער לַאכְט אִים אָפּ, אָבֶּער כָאטְשׁ דִי שְׁוֶועריגְקַייט הָאט ר' יִשְׂרָאֵל בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע טוֹבָה וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן דִי חִיוּת וָואס הָאט אָנְגֶעפִילְט זַיין הַארְץ דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן הָאט אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן אַלֶע יִסוּרִים.

מִיט דִי צַייט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דֶער צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן ז"ל אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט, ווִי נָאר זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעהֶערְט פוּן ר' יִשְׂרָאֵל'ס פְּלֶענֶער אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן הָאט דָאס זֵיי זֵייעֶר פַאדְרָאסְן אוּן הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן אַ שְׁטְרֶענְגֶע טְרִיט זֵיי הָאבְּן צוּגֶענוּמֶען פוּן ר' יִשְׂרָאֵל זַיינֶע שִׁיךְ... עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט וָואס צוּ פָארְן... אָבֶּער אוֹיךְ אוֹיף

דעם האט ר׳ ישראל גארנישט געקוקט נאר זיין גאנצע געדאנק איז געווען אינעם תכלית! ס׳איז דא א תכלית פארן לעבן, איך בין דא נישט געקומען פאברענגען מיינע יארן אויף פוסטע שטותים און הבלים פון די וועלט, ער האט נאר מער געשטארקט זיין פעסטע החלטה צו פארן צום גרויסן צדיק זאל זיין וואס זאל זיין!

ווען די משפחה האט געזעהן צום באדויערן אז זיי קענען נישט פועל׳ן אויף ר׳ ישראל און ער וויל נאכאלץ פארן האבן זיי אים צוגענומען זיין גאנצער פארמעגן אז ר׳ ישראל זאל גארנישט באקומען פון זיין טאטנס ירושה! מען האט אויסגעטוון פון ר׳ ישראל זיינע טייערע רייכע קליידער און ארויסגעווארפן פון זיין שיינע הויז ביז ער איז געבליבן אויפן גאס מיט זיין העמד און זאקן... אן קיין פרנסה, אן קיין געלד, אן קיין שטוב נאר מיט אויגן צום הימל, א שטארקע אמונה, און א פייערדיגן הארץ צום היילגן באשעפער.

(המשך וועט קומען בעז״ה)

# דער רייינער קוואל

המשך פון זייט 1

תענוגים פון דער וועלט, העכער פון אלע הצלחות און נאך אסאך מער פון דעם, וואלטן זיי מקיים געווען די מצוות. עס איז זיכער נישט פארהאן אזא שוטה און טפש וואס וויל נישט באקומען אזא וואוילקייט, אזא זיסקייט, אזא נצחיות בפרט אז מען קען קויפן די מצוות מיט אפאר גראשן, מיט עטליכע דאלאר קען מען קויפן א בינטל ציצית פאר א טלית, אדער אן אנדערע מצוה וואס קאסט ווייניג געלט.

די גאנצע וועלט קען נישט פארנעמען די ליכטיקייט וואס ליגט אין יעדע פשוט׳ע מצוה – וואס איז זייער דערהויבן און הויך, וואויל איז דער וואס איז זוכה צו מאכן די מצוות מיט שמחה. אשרינו, וואס מיר האבן זוכה געווען צו אזא איביגע מתנה. מיר דארפן זאגן ביים דאווענען אינדערפרי דעם אשרינו מה טוב חלקינו מיט א געוואלדיגע שמחה עד אין קץ ותכלית, אז מיר זענען זוכה צו גלייבן אין באשעפער און אין זיין תורה, אין משה רבינו און אלע צדיקי אמת מיט די היילגע אמונה. מיר דארפן זיך פרייען און אזוי וועלן מיר זוכה זיין יעדער לויט זיין דרגה, צו קענען משיג זיין די מצוות ביז איר שורש.

בפרט יעצט קומען די טעג פון אדר וואס מען פארמערט מיט שמחה. די וואך איז שוין שבת שקלים, זאל השם יתברך העלפן אז מיר זאלן זיך קענען באנייען אינגאנצן, זיך פרייען מיטן ׳שלא עשני גוי׳, זיך פרייען מיט די ׳נקודות טובות׳ דאס איז די אמת׳ע שמחה. דער אויבערשטער זאל העלפן אז נאך דאס יאר זאל מען שוין קענען אינגאנצן אויסמעקן דעם עמלק און זיך גרייטן צום פורים ווי עס דארף צו זיין דורך די מצוה פון שקלים וואס מען ליינט די וואך, אזוי ווי אין מדרש שטייט, אז ווען מען ליינט די פרשה פון שקלים הייבט משה רבינו אויף די קעפ פון אידישע קינדער, ״כי תשא את ראש בני ישראל,״ ער הייבט זיי אויף פון זייערע קטנות פון זייער טרויער און גלות. לאמיר זיך באנייען מיט שמחה, עס זאל שוין נתקיים ווערן דער פסוק ׳ושמחת עולם על ראשם׳.

# איין מעשה'לע

### דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער



מַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶעְר'ל וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דֶער נַאכְט מִיט קוֹלוֹת אוּן יְלָלוֹת, אוֹיפְוֶועקְנְדִיג דָאס גַאנְצֶע הוֹיז-גֶעזִינְד. עֶר וֵוייסְט אַלֵיין נִישְׁט וָואס עֶר וִויל. קוֹדֶם וִויל עֶר אַ פְּלֶעשְׁל, דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר אַרוֹיס אִין דִי לִיכְטִיגְקַייט צוּ קוּקְן אוֹיבּ סְ'הָאט גֶענוּג קָאקָא, אוֹיבּ נִישְׁט מַאכְט עֶר וַוייטֶער קוֹלוֹת. עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין אִין זַיין בֶּעט נָאר אִין מַיין מַאמֶע'ס. אַזוֹי פַארְפִירְט עֶר מִיט גֶעוֵויינֶעְרַייֶען ...

אִין אָנְהֵייבּ פְּלֶעגְט מַיין מַאמֶע פְּרוּבִּירְן אַלֶע סָארְטְן מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי אִים צוּ בַּארוּאִיגְן אָבֶּער דָאס הָאט גֶעקֶענְט נֶעמֶען אִיבֶּער אַ שָׁעָה, לְמָשָׁל פוּן 2:00 בִּיז 3:30, אִינְמִיטְן דֶער נַאכְט. יֶעצְט הָאבְּן מִיר גֶעטְרָאפְן אַ נַייעֶ פַּאטֶענְט, פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן זָאגְט מַיין מַאמֶע אַ תִּיקוּן-הַכְּלָלִי אוּן שְׁמוֹת-הַצַּדִּיקִים אוּן עֶר שְׁלָאפְט ב"ה פַיין אַדוּרְך דֶעם נַאכְט. אוֹיבּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַ תְּקוּפָה וָואס מֶען אִיז זֵייעֶר מִיד בַּיינַאכְט אוּן מֶען לָאזְט נָאךְ מִיט דִי עֲבוֹדוֹת וֶועקְט עֶר זִיךְ וִוידֶער אוֹיף מִיט גֶעשְׁרַייעֶן, דַאן זָאגְן אִים מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

"דוּ דַארְפְסְט אַזַא תִּיקוּן הַכְּלָלִי..." אִין דִי זֶעלְבֶּע טָאן וִוי מֶען זָאגְט, "דוּ דַארְפְסְט אַזַא פְּרַאסְק..." אוּן מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוֹיף זַיין בֶּעט מִיטְ'ן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן נָאךְ דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ בַּארוּאִיגְט עֶר זִיךְ בִּיז עֶר שְׁלָאפְט אֵיין. סְ'אִיז מַמָּשׁ בָּדוּק וּמְנוּסֶה. סְ'אִיז פִּיל גְרִינְגֶער וִוי זִיךְ צוּ דַארְפְן קְרִיגְן מִיט אִים.

מִיר הָאבְּן אַ בַּאקַאנְטְן וָואס הָאט אוֹיךְ צוּטוּן מִיטְן קְלֵיינֶעם אִינְגְל אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע טֶערָאפִּיסְטְן אוּן חִנּוּךְ מֶעטָאדְן אָבֶּער סְ'הֶעלְפְט פַאר אֵיין טָאג אָדֶער צְוֵויי אָבֶּער דֶערְנָאךְ פַאלְט עֶר צוּרִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען. אַז מִיר הָאבְּן ב"ה דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצוֹת דַארְפְן מִיר נִישְׁט גֵיין זוּכְן עֵצוֹת פוּן דֶער גַאס.

אַלֶע קִינְדֶער מוּזְן הָאבְּן תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען וַואקְסְן אוּן שְׁטֵייגְן אָבֶּער עֶס זֶענֶען פַארְהַאן קִינְדֶער וָואס דַארְפְן דִי תְּפִלּוֹת וִוי לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען, דֶערְפַאר שִׁיקְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִסְיוֹנוֹת מִיט זֵיי אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין בְּרֵירָה נָאר מִתְפַּלֵּל זַיין וִוידֶער אוּן וִוידֶער. אוּן אוֹיבּ פַארְגֶעסְט מֶען שִׁיקְט עֶר שׁוֹין דֶערְמַאנוּנְגֶען...

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען**

**די גורל פון "גאר מיין זאך איז תפלה" איז נתנדב געווארן דורך א חשוב'ן נדבן, פאר די קינדער וועלכע זענען געווען אין שול שבת אינדערפרי פאר הודו, אין א ברסלב'ע שול.**

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער "גאר מיין זאך איז תפלה".**

**דער געווינער פון פרשת יתרו איז**

**הילד החשוב חיים נתן גאטליב**

**מען קען אפנעמען די מתנה אין חדר ברסלב ביי ר' יואל יאראוויטש, בית שמש**

**אדער ביי ר' משה געפנר ירושלים, אדער בן איש חי 54 דירה 11**

# א שמועס מיט'ן זיידן




**זֵיידֶע:** הוֹדוּ לַה׳ בֶּערֶעלֶע, גֶעלוֹיבְּט דֶער פוּן אוֹיבְן! ס'טוּט מִיר וֵוי דִי בֵּיינֶער... סְפַּאלְט דִי צֵיינֶער... מֶען ווֶערְט נִישְׁט יוּנְגֶער... אָבֶער בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין חֹדֶשׁ אֲדָר, גֵייט מֶען טַאנְצְן, מ'ווֶעט זִיךְ פְּרֵיילֶעךְ מַאכְן ווֶעל אִיךְ פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע צָרוֹת...

**בֶּערֶעלֶע:** יָא, דִי וָואךְ אִיז אוֹיךְ שַׁבָּת מְבָרְכִים אֲדָר אוּן אוֹיךְ שַׁבָּת-שְׁקָלִים,

**זֵיידֶע:** הָא רִיכְטִיג, פַּרְשַׁת שְׁקָלִים לֵיינְט מֶען דִי וָואךְ, "בְּאֶחָד בַּאֲדָר מַשְׁמִיעִין עַל הַשְּׁקָלִים"... פַּרְשַׁת שְׁקָלִים קוּמְט אוּנְז אוֹיפְוֶועקְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "צְדָקָה" וָואס מֶען קֶען מְקַיֵים זַיין מִיט שְׁקָלִים. ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (הלכות צדקה) "וְעִקַּר שֵׁם הַמַּעֲשֶׂה שֶׁבִּקְדוּשָּׁה הוּא בְּחִינַת צְדָקָה," אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווִיל טוּהְן עֶפֶּעס לְמַעֲשֶׂה, אַ גוּטֶע עֲבוֹדָה, זָאל עֶר גֶעבְן צְדָקָה. אָבֶער דֶערְשְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט בֶּערֶעלֶע, מֶען מֵיינְט נִישְׁט גֶעבְן דַוְקָא אַסַאךְ גֶעלְט אוּן גְרוֹיסֶע מַעֲשִׂיוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף גֶעבְּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקַייטְן ווִיפִיל עֶר קֶען, צְדָקָה אִיז פָּשׁוּט אַוֶועקְגֶעבְן אַ פְּרוּטָה פוּן מִיר פַאר אַ צְוֵויטְן.

אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶערְצֵיילְט מֶען אַז וֶוען אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט טוּהְן אַסַאךְ מִצְוֹת בִּפְשִׁיטוּת, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּהְן? עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע מַטְבֵּעַ אוּן עֶס אוֹיסְגֶעבִּיטְן אוֹיף קְלֵיינֶע פְּרוּטוֹת שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דֶעם סֵפֶר "שַׁעֲרֵי צִיוֹן" אוּן אַרַיינְגֶעטַאנְצְן שְׁטִיל אִין אַ בֵּית-מִדְרָשׁ פוּנֶעם פֶענְסְטֶער וֶוען קֵיינֶער אִיז דָארְט נִישְׁט גֶעוֶוען, אַז קֵיינֶער זָאל אִים נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, דָארְט אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם "מַתָּן בְּסֵתֶר" צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שׁוּל אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן דֶעם לְשֵׁם יִחוּד וָואס מֶען זָאגְט פַארְן מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוָה, אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אֵיין פְּרוּטָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אוּן זִיךְ גֶעמַאכְט אַזוֹי ווִי עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז עֶר ווִידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּם פּוּשְׁקֶע אוּן ווִידֶער גֶעזָאגְט דֶעם לְשֵׁם-יִחוּד אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אַזוֹי נָאךְ אַ פְּרוּטָה אוּן נָאךְ אֵיינֶע, אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ מָאל מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת בִּיז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אַלֶע פְּרוּטוֹת אִין פּוּשְׁקֶע, זַיין הֵיילִיגֶע כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵים זַיין ווִי מֶער דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה וָואס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקוּן אוּן אִיז זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**בֶּערֶעלֶע:** וֶוען מֶען קוּמְט אִין אוּמַאן, בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן, גִיבְּט מֶען אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ.

**זֵיידֶע:** יָא, צְדָקָה אִיז אַ מִצְוָה לְמַעֲשֶׂה, וָואס יֶעדֶער אִיד קֶען מְקַיֵים זַיין. מֶען דַארְף נָאר

װעלן , אַז אײנער װיל, איז ער מתפּלל אויף דעם, ער טראַכט װאָס קען ער טוּהן, ביז דער באַשעפער העלפט אים דאָס צו מקיים זײן.

האָסטו געהערט אַמאָל, בערעלע, פון דעם חסיד, ר' יוסף ערליך ז"ל? ער איז נישט אַזוי באַקאַנט, װײל ער האָט געװאױנט אין בני-ברק. ער איז אַרויפגעקומען קײן ארץ ישראל פון פוילן פאַרן קריג. הײנט קוקסטו אָן בני-ברק אַ גרויסע שטאָט אָבער אין יענע צײט איז בני-ברק געװען אַ פּוסטע מדבּר פון זאַמד. ר' יוסף איז געװען פון די ערשטע אידן װאָס האָבן באַזעצט בני-ברק. ער מיט נאָך אַ חבורה פון ערליכע אידן װעלכע האָבן אויפגעשטעלט דעם ישוב, האָבן אַסאַך געליטן בײם אָנפאַנג, עס איז נישט געװען גרינג, זײ האָבן געדאַרפט בויען זײערע הײזער מיט די אײגענע הענט, ביז עס האָט זיך צוביסלעך אויפגעשטעלט אַן ערליכער ישוב פון אידן שומרי תורה ומצוות.

מיט די צײט זענען געקומען נאָך און נאָך אידן װאָס האָבן געװאָלט װאױנען צװישן ערליכע אידן, ביז עס איז געװאָרן די שטאָט בני-ברק אַזוי װי די זעסט הײנט. צוליב װאָס דערצײל איך דיר איבער אים? װײל דער ר' יוסף ערליך ז"ל האָט געהאַט אַ שײנע נקודה אין די נושא פון צדקה. װען ר' יוסף פלעגט קומען צו פאָרן קײן ירושלים צום קבוץ ראש-השנה, האָט ער געזעהן אַז עס װאױנען דאָרט ברסלבע'ר חסידים, עובדי ה', װאָס זענען זײער זײער אָרעם, זײ האָבן נישט קײן ברויט צו עסן. דער שװערער




מצב פון די עובדים אין ירושלים האָט זײער באַנומען ר' יוסף'ס האַרץ, װאָס איז געװען װאַרעם צו יעדע אידישע צװעק, אַזוי װי ער אַלײן איז נישט געװען קײן פאַרמעגליכער מענטש - פאַר זײן פּרנסה האָט ער געהאַט אַ געשעפט פון גרינס און פרוכט װי אוגערקעס און טאַמאַטעס א.ד.ג. װאָס פון דעם האָט ער אַביסל פאַרדינען אָבער נישט גענוג צו קענען שיקן גרויסע סומעס געלד פאַר די עניים פון ירושלים - װאָס האָט ער געטוּהן? ער האָט געקויפט אַסאַך פּושקעס און געשריבן אויף דעם מיט גרויסע װערטער, "מתּן-בּסתר". ער האָט אויסגעטײלט די פּושקעס אין אַלע שולן װאָס זענען געװען אין בני-ברק. אין די װאָכן טעג זענען אַריבער װאױלע אידן װעלכע פלעגן אַרײנװאַרפן עטליכע פרוטות פון מאָל צו מאָל. און פרוטה לפרוטה מצטרפת לחשבּון גדול...

עס האָט זיך צאַמגעקליבן אין די פּושקעס אַ שײנע סכום געלט. יעדן חודש איז ר' יוסף אַרומגעגאַנגען אין אַלע שולן און צאַמגענומען די צדקה געלט, נאָכדעם האָט ער דאָס אַריבער געשיקט צו אַ באַגלײבטער חסיד אין ירושלים װאָס האָט אויסגעטײלט ריכטיג דאָס געלט פאַר אַלע אָרעמעלײט, דאָס געלט װאָס ר' יוסף האָט געשיקט איז געװען אַ גרויסע הצלה פאַר די אָרעמע חסידים, עס האָט זײ פּשוט דערהאַלטן בײם לעבן! הערסט אַ מעשה בערעלע? ר' יוסף לערנט אונז אויס אַז יעדער אײנער קען געבן

המשך אויף לעצטע זייט

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# 7 דֶער בַּעַל תְּפִלָּה




**אוּן עֶר הָאט אִים וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט.** אַז זֵיי. (דְהַיְינוּ דִי גִיבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר כַּנַ"ל) **זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים כַּנַ"ל** (דְהַיְינוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקַר תַּכְלִית אִיז נָאר אַז מֶע זָאל זִיךְ פִּילֶעוִוין צוּ גְרֵייסִין דִי אֵבָרִים) **וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַ"ל** (דְהַיְינוּ אַ גְרוֹיסִין מֶענְטְשְׁן כַּנַ"ל).

**וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיגַאנְגֶען אַ מַחֲנֶה פוּן זֵיי** (כְּלוֹמַר סֶע גִיגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים) **מִיט דֶעם אִיבַּאז וָואס מֶע הָאט זֵיי נָאךְ גִיפִירְט עֶסִין אוּן טְרִינְקֶען אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכִין. אוּן פַאר דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים.**

**הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶועזְן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גִבּוֹרִים. אוּן וֶוער סֶע הָאט זֵיי בַּאגֶעגִינְט. הָאט זֵיי בְּוַודַאי אָפּ גִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג.**

**דֶערְוַוייל. ווִי דִי מַחֲנֶה פוּן דִי בַּעֲלֵי אֵבָרִים זֶענֶען אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. אִיז זֵיי אַקֶעגִין גִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. אוּן דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נִיט אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מַחֲנֶה אַרַיין. אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט** (מִיט דִי הֶערְס) **אַהִין אוּן אַהֶער.**

**אוּן דִי לַייט פוּן דֶער מַחֲנֶה הָאבִּין פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט. אוּן עֶר** (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר) **אִיז זִיךְ אַרַיין גִיגַאנְגֶען צְווִישְׁן דִי וֶועגִילֶעךְ הַנַ"ל וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאךְ גֶעגַאנְגֶען. אוּן עֶר הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין אַלְדִינְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועזְן אִיז דָאס בַּיי זֵיי אַ ווִילְד חִידוּשׁ גִיוֶועזְן** (וָואס דֶער אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר וָואס עֶר הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר זֵיי אוּן אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיף גִיגֶעסִין גָאר וָואס סֶע גִיוֶועזְן אוֹיף דִי וֶועגִילֶעךְ)

**זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף פַאר אִים אַנִידֶער גִיפַאלִין. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט תֵּיכֶף. יְחִי הַמֶּלֶךְ** (כְּלוֹמַר זֵיי הָאבִּין תֵּיכֶף אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ) **וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה. נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ** אַז דֶער עִיקַר תַּכְלִית אִיז דֶער וָואס עֶר אִיז אַ בַּעַל אֵבָרִים כַּנַ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִים בְּוַודַאי מוֹחֵל זַיין דִי מְלוּכָה.

**וָוארִין אִים קוּמְט בְּוַודַאי דִי מְלוּכָה** וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ גִבּוֹר אַזוֹי אַ בַּעַל אֵבָרִים. אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶועזְן. זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז זֵיי גִיקוּמֶען אַ קֶעגִין כַּנַ"ל). אוּן דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. אוּן עֶר זָאגְט (דְהַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז דָא מֶלֶךְ גִיוָוארִין אוֹיף זֵיי) אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

**דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט וָוארִין עֶר** מֵיינְט גָאר נִיט דָאס אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ. (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט. אֵיינֶער פוּן דִי גִיבּוֹרִים דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. ווִי אַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם אוֹיף מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר עֶס אִים דָאס אַלְץ גִיעֶנְטְפֶערְט).

**הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט.** מִיט וָואס אִיז זַיין גְבוּרָה פוּן דֶעם גִבּוֹר. וָואס עֶר אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הַיינְט. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אֵיין מְדִינָה הָאט זִיךְ נִיט גִיוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים.

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִינוּמֶען זַיין שְׁוֶוערְד** וָואס עֶר הָאט אוּן דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כּוֹחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט זִי אוֹיף אַנְטְלוֹיפִין אַלֶע שָׂרִים פוּן דִי חַיָּילוֹת (דְהַיְינוּ אַלֶע עֶלְצְטֶע) וְכוּ' (אוּן הָאט אוֹיסְגִירֶעכִינְט דִי דְרַיי כּוֹחוֹת וָואס אוֹיבִּין אִיז גִישְׁטַאנֶען. וָואס פוּן דָארְט הָאט דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ גִינוּמֶען גְבוּרָה כַּנַ"ל)

**ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט.** הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ"ל. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיבֶּעטִין. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי מֶלֶךְ. **הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶּערְט.** מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען פַאר אִים אִיז מֶען

גִיגַאנְגֶען. אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. הָאט עֶר גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶען.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַרַיין גִיקוּמֶען** צוּ דֶעם גִבּוֹר וִוי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען צוּם אוֹיף קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם.

**אוּן סֶע גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת** (פְרֵייד אוּן גִיוֵויין) **וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט.** הָאבִּין זֵיי דְרוֹיף גִיוֵויינְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז צְווִישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיּוֹת.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** מִיט דֶעם גִבּוֹר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. וִוירִימֶער זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגִיקוּמֶען. הָאט דֶער גִבּוֹר דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז דֶעמוּלְט.

**אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען.** וָואס דֶעמוּלְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. וִוי עֶר אִיז צוּרִיק גִיקוּמֶען פוּן דָארְט וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען מְחַדֵּשׁ זַיין כֹּחַ. אוּן הָאט נִישְׁט גִיפוּנֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט אַלֶע זַיינֶע לַייט כַּנַּ"ל. הָאט עֶר זִיךְ דֶעמוּלְט גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין.

**אוּן עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען** אִיבֶּער זֵיי אַלֶע. דְהַיְינוּ עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט וִוי דֶער מֶלֶךְ אִיז אוּן וִוי דִי אַלֶע לַייט זַיינֶע זֶענֶען. דְהַיְינוּ עֶר אִיז גִיוֶוען אוֹיף אֵיין אָרְט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָארְט אִין דֶעם אָרְט אִיז בְּוַודַּאי דֶער מֶלֶךְ דָא. נָאר עֶר הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט זוֹכִין אוּן גִיפִינֶען.

**אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען** אוֹיף אֵיין אָרְט. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט אִיז בְּוַודַּאי דִי מַלְכָּה נָאר עֶר הָאט זִי נִיט גִיקָאנְט זוֹכִין אוּן גִיפִינֶען אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. נָאר דִיךְ בִּין אִיךְ נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. (הַיְינוּ דֶער גִבּוֹר וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס הָאט גִיזָאגְט צוּם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן אַלֶע לַייט אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען. נָאר אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אִיז נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען)

**עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אִיךְ בִּין אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע עֶרְטֶער פוּן זֵיי אַלֶע. אוּן אִיבֶּער דַיין אָרְט אוֹיךְ. וָוארִין אִיךְ בִּין גִיגַאנְגֶען אוֹיף אֵיין אָרְט.

**הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן שְׁטֵיין דִי קְרוֹין פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי דֶער מֶלֶךְ. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גִיקָאנְט זוֹכִין אוּן גִיפִינֶען.

**אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.** בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גִיוָוארִין פוּן דִי טְרֶערִין פוּן דֶער מַלְכָּה. וָואס זִי וֵויינְט אוֹיף דֶעם אַלִימֶען.

**אוּן דִי מַלְכָּה אִיז בְּוַודַּאי דָא.** נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִיט גִיקָאנְט זוֹכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן מִילֶעךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען. אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גְוָוארִין פוּן דֶער מִילֶעךְ פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס אִיר קִינְד אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין. הָאט זִי גִישְׁפַּארְט דִי מִילֶעךְ אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן מִילֶעךְ.

**אִיז דִי בַּת מַלְכָּה בְּוַודַּאי דָא.** נָאר אִיךְ הָאבּ זִי נִיט גִיקָאנְט זוֹכִין אוּן גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע זֶענֶען גִילֶעגִין דִי גִילְדֶענֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָאר נִיט גִינוּמֶען. **אוּן אִיךְ הָאבּ גְוואוּסְט אַז דָא אִיז בְּוַודַּאי** דָאס קִינְד נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ זוֹכִין אוּן צוּ גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן וַויין.

**הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט** אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַּאי גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ. וָואס עֶר שְׁטֵייט אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין (דְהַיְינוּ טְרֵייסְט) פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוּן דִי מַלְכָּה. אוּן דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם דָאס פָּנִים אוּן רֶעט תַּנְחוּמִין צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. אוּן פוּן דִי רֵייד אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן וַויין. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען.

**אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.** הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט אַזוֹי וִוי דִי

יַד מִיט דִי שִׁירְטוּטִין (דְהַיינוּ אַזוֹי ווִי דִי יַד מִיט אַלֶע קְרִיצִין וְכוּ' וָואס סֶע גִיוֶוען בַּאם מֶלֶךְ כַּנַ"ל)

**הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דֶער חָכָם (פוּן דֶעם מֶלֶךְ) אוּן דֶער חָכָם הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין. נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען.

**הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן** ווִי סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בַּארְג דִי גִילְדִינֶע טִישְׁלִיךְ אוּן דִי קְרִידֶענְצִין אוּן דִי אִיבְּרִיקֶע אוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודַאי דֶער מְמוּנָה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. (דְהַיינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעצְט אִיבֶּער אַלֶע אוֹצְרוֹת) נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען (דָאס הָאט אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר)

**עֶנְטְפֶערְט דֶער גִבּוֹר.** אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע עֶרְטֶער. אוּן אִיךְ הָאבּ יוֹא גִינוּמֶען פוּן דִי גִילְדִינֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען זִיבִּין הָאר וָואס זֵיי הָאבִּין אַלִירְלֵיי פַארְבִּין.

**אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר.** אוּן אִיךְ בִּין גִיזֶעסִין אוּן הָאבּ מִיךְ מְחַיֶה גִיוֶוען מִיט וָואס מִיגְלִיךְ אִיז מִיט גְרָאז אוּן דֶעסְט גְלַייכִין בִּיז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין. הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִילָאזְט גֵיין ווִי הִין אִיךְ וֶועל גֵיין. אוּן אַז אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסִין מַיין בּוֹיגִין דָארְט.

**עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹיגִין. הָאבּ אִיךְ גְווָאוּסְט אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דַיין בּוֹיגִין. נָאר אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען.

**הָאט דֶער גִבּוֹר** וַוייטֶער דֶער צֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז ווִי אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. בִּין אִיךְ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגִינְט דִי מַחְנֶה הַנַ"ל (דְהַיינוּ דִי שָׁאר פוּן דִי גִבּוֹרִים בַּעֲלֵי אֵבָרִים הַנַ"ל) בִּין אִיךְ צְווִישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט עֶסִין. אוּן תֵּיכֶּף ווִי אִיךְ בִּין אַרַיין גִיקוּמֶען צְווִישְׁן זֵיי.

**הָאבִּין זֵיי מִיךְ תֵּיכֶף** אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ כַּנַ"ל. אוּן הַיינְט גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. אוּן מַיין כַּוָונָה אִיז. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קֶענֶען גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַ"ל.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס טוּט מֶען מִיט דִי לַייט. דְהַיינוּ מִיט דֶער מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען אוֹיף אַזוֹינֶע ווִילְדֶע נַארִישְׁקֵייט. אַז דִי וָואס הָאבִּין אַסַאךְ גֶעלְט זֶענֶען בַּיי זֵיי גָאטִין. אוּן אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע נַארִישְׁקֵייט וָואס דִי מְדִינָה הָאט.

**הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.** אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוות קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין זֵיי. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. קָאן מֶען אִים נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפָן. בְּכֵן וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי גָאר נִיט פּוֹעֲלִין.

**וָוארִין סֶע נִיט גִימָאלְט** אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן נָאר דוֹרְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַ"ל. וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין גְבוּרָה כַּנַ"ל. נָאר דוֹרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען יוֹא אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. דֶעם וָואס עֶר אִיז דְרִינֶען אַרַיין גִיפַאלִין. (אַזוֹי הָאט עֶר גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ)

**אִיז דֶער גִבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַוֶועק גִיזֶעסְן אַ צַייט אִין אֵיינֶעם. אוּן מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה הַנַ"ל וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין צוּ דֶעם גִבּוֹר פוּן זֵייעֶרְט וֶועגִין. כַּנַ"ל. **הָאבִּין זֵיי מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען.** דְהַיינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַיינְגִיבֶּעטִין דֶעם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין אַ צַייט (דְהַיינוּ וָואס בִּיז אִין דֶער צַייט זָאל עֶר זֵיי גָאר נִיט טוּן) **הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פְּרַיי אַ צַייט** דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ. דְהַיינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאבִּין צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים. כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבִּין אַ יְדִיעָה פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. דֶערְנָאךְ אִיז זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג אַרַיין.

### תפלה פאר פורים

ראַטעוועט מיר פון די קְלִיפָּה פון הָמָן עֲמָלֵק, און איך וויל זוֹכֶה זיין צו די הייליגקייט פון מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק און אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

טַאטע, איך דַארף יעצט הָאבְּן וואונדערליכע נִסִּים, און גְרויסע פָּארְכְטִיגע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי ווי דוּ הָאסְט געטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אין די צייטְן פון מָרְדְּכַי און אֶסְתֵּר, ווען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ איז אויפְגֶעשְׁטַאנֶען אויף די אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פון פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פון אַלֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּוָאוּיסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן".

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, ווייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט....(אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים)

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (7) - מבעל תפילה

א. **פון וועלכע כתה זענען געווען די מענטשן פון גבור?**

- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז רציחה
- ❑ פון די כתה וואס האבן געזאגט אז דער עיקר איז צו גרויסן די איברים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

ב. **שלאגט מכות: פארוואס גייט דער גבור און זיינע מענטשן אייננעמען די וועלט?**

- ❑ ווייל ער וויל אז די וועלט זאל זיין אונטער אים
- ❑ ווייל ער וויל ווייזן פאר די וועלט זיין שטארקייט
- ❑ ווייל ער וויל טרעפן דער מלך און זיינע מענטשן

ג. **פארוואס האבן די בעל תפלה און גבור געוויינט און זיך געפריידט ווען זיי האבן זיך באגעגנט?**

- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז זיי האבן זיך געטראפן, און געוויינט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך, און געוויינט אז זיי האבן זיך געטראפן
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז דער גבור איז א מלך, און געוויינט ווייל די מדינה של עשירות האבן זיך נאכנישט מכניע געווען

ד. **האבן דער גבור און בעל תפלה געטראפן דער מלך און זיינע לייט?**

- ❑ זיי זענען אריבער יעדעם'ס פלאץ און זיך מיט זיי געטראפן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געקענט כאפן וואו זייערע פלעצער זענען
- ❑ זיי זענען אריבער די פלעצער וואו זיי האבן פארשטאנען אז דארטן זענען זיי, אבער זיי האבן זיי נישט געקענט טרעפן

ה. **ביי וועמען איז דער גבור נישט אריבער?**

- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם בעל תפלה
- ❑ ער איז אריבער יעדעם'ס פלאץ

ו. **ביי וועמען איז דער בעל תפלה נישט אריבער?**

- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם גבור
- ❑ ער איז אריבער יעדעם'ס פלאץ

ז. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער קעניג איז?**

- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער קעניג איז
- ❑ דורך די שטול פונעם קעניג
- ❑ דורך די קרוין פונעם קעניג

ח. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די מלכה איז?**

- ❑ ער האט געזען די קרוין פון קעניג האט ער פארשטאנען אז די מלכה איז דארטן
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די מלכה

ט. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די בת מלכה איז?**

- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין ווייב די בת מלכה איז דארטן

י. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דאס קינד איז?**

- ❑ ער האט געזעהן די גאלדענע האר
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין קינד איז אויך דארטן

יא. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער מליץ איז?**

- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון דעם מליץ
- ❑ ער איז אריבער א ים פון ווין האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די רייד פון דעם מליץ
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

יב. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער חכם איז?**

- ❑ ער האט געזען די יד פונעם מלך
- ❑ ער האט געזעהן א שטיין וואס אויף דעם איז אויסגעקריצט די געשטאלט פון דעם יד
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער חכם איז

יג. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער ממונה על האוצרות איז?**

- ❑ דורך די גאלדענע טישעלעך - קרידענצן – און די אוצרות פון מלך
- ❑ דורך די גאלדענע האר
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

יד. **האבן דער בעל תפלה און גבור גענומען פון די האר פון דאס קינד?**

- ❑ דער בעל תפלה זיבן דער גבור גארנישט
- ❑ דער גבור צוויי דער בעל תפלה זיבן
- ❑ דער גבור זיבן דער בעל תפלה גארנישט

טו. **וועלכע זאך פון גבור האט דער בעל תפילה געזען?**

- ❑ די שווערד
- ❑ די בויגן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

טז. **וואס זאגט דער גבור וויאזוי גייט מען ארויס פון תאוות ממון?**

- ❑ מען קען בכלל נישט ארויס גיין
- ❑ דורך די ווענט וואס איז צום שווערד
- ❑ מיט זייערע אייגענע כוחות וועלן זיי ארויס גיין

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

אלע קינדער וואס האבן געוואונען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11

# א שמועס מיט'ן זיידן

המשך פון זייט 7

צְדָקָה! נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר הָאט אָדֶער הָאט נִישְׁט, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן.

**בֶּערֶעלֶע:** זֵיידִי, אוֹיךְ קִינְדֶער קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה?

**זֵיידֶע:** אַווַדְאַי! אַז אַ אִינְגֶל הָאט עֶפֶּעס חֲנוּכָּה אָדֶער פּוּרִים-גֶעלְט קֶען עֶר צוּגֵיין צוּ דִי פּוּשְׁקֶע גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה. עֶס קוּקְט אוֹיס אַ קְלֵיין פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ, אָבֶער דָאס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, חוּץ פוּן דֶעם וָואס דִי זְכוּת בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג!

אוּן בֶּערֶעלֶע אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן נָאךְ עֶפֶּעס, נִישְׁט נָאר מִיט גֶעלְט קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. אַמָאל קוּמְט אַ אִינְגֶל אַהֵיים מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע נַאשׁ אוּן עֶר גִיבְּט צְדָקָה... עֶר גִיבְּט אַרָאפּ אַבִּיסְל פַאר זַיינֶע קְלֵיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער. אָדֶער אֵיינֶער לֶערְנְט מִיט אַ חַבֶר, עֶר גִיבְּט פוּן זַיינֶע גוּטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, אַמָאל גִיבְּט מֶען אַוֶועק טַייעֶרֶע צַייט, אַמָאל אִיז צְדָקָה אַ אֱמֶתֶ'ע גוּט וָוארְט, אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ אָן אַ שִׁיעוּר וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז פוּן גֶעבְּן צְדָקָה דֶערְלֵייגְט מֶען קַיינְמָאל נִישְׁט, נָאר פַארְקֶערְט, צְדָקָה עֶפְנְט אַלֶע טוֹיעֶרְן עֶס בְּרֶענְגְט הָרְחָבוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְ'ס.

**מקורות:** לקוטי הלכות יורה דעה הלכות צדקה א' שבחי הר"ן יג ~ אש תמיד תוקד - ר' יוסף ערליך ספר המדות ישועה, ממון וכו'..

קענסט אנקומען צו די צדקה פישקע?



טרעף אין הייניטיגן גליון דער צאמשטעל פון די ווערטער צי א פאס צאמצושטעלן די ווערטער

| | |
|---|---|
| שמחה | נעשה |
| אפאר גראשן | קארדונער |
| ים פון וויין | אני |
| קיבוץ | פורים |
| א גוט | שמות הצדיקים |
| שערי | מלכה |
| מילך | יוסף |
| קולות יללות | מליץ |
| ערליך | קרוין |
| ישראל | ווארט |
| נשמע | בת-מלכה |
| געלט | בינטל ציצית |
| שומע | ראש השנה |
| ים פון בלוט | ציון |

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' ישעי' שמעון ראטנבערג הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב